

# מוסדותינו

#11
ארויסגעגעבן דורך:
ישיבה תו"י ובית רחל דרב"י סאטמאר, קרית יואל יצ"ו
נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק' מיט איבער 6,000 קינדער כ"י
כסליו תשס"ט
פר' וישלח

# זעלטענע שפאנונג ביי אלע אנ"ש, הורים ותומכים צום "דינער" לטובת "מוסדותינו", דעם מוצאי שב"ק

מיט גרויס התלהבות און עקסטאז גרייט זיך דער ברייטער ציבור תושבי עירנו, אנטייל צו נעמען ביים דינער השנתי לטובת מוסדותינו הקדושים דרבינו יואל, וואס קומט פאר אי"ה דעם מוצאי שבת קודש פ' וישלח, אין די זאלן פון "בית רחל פאראדייס", וואו עס ווערט ערווארט די טויזנטער משתתפים א העכסט-רייכער אווענט און שעה'ן לאנגע קורת רוח און נחת דקדושה.

דער מעמד הדינער וועט אי"ה באשיינט ווערן מיט די פערזענליכע ערשיינונג פונעם מרא דאתרא קדישא ומנהיג העדה, הוד כבוד קדושת מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, וועלכער וועט אי"ה אויפטרעטן מיט א לענגערע דרשה ודברות קודש, אויף וואס דער ציבור קוקט ארויס מיט גרויס צמאון.




ווי באקאנט איז יעדעס יאר דער דינער השנתי פאר די מוסדות הקדושים גאר א ספעציעלער מאמענט פון הקהל את העם, ביי וועלכן עס קומען זיך צונויף תחת קורת גג אחד טויזנטער תושבי הקרי', זקנים עם נערים, ורבני ופני העיר, מיט'ן ציל מחזק צו זיין די מעכטיגע תורה ויראה פעסטונגען אין דער שטאט מיט אירע איבער 6,000 קינדער כ"י בליעה"ר, וואס וואקסן און בליען לשם ולתפארת עפ"י דרכו הטהורה פונעם הייליגן מייסד זי"ע, תחת דגל נשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עטרת ראשינו שליט"א.

דער וועד הדינער, אינאיינעם מיט א ברייטע שטאב עסקנים, זענען במשך די לעצטערע וואכן געזיצן אויף נאכאנאנדע מיטינגען און אויסגעארבעט א העכסט-רייכן פראגראם,

(פארזעצונג אויף זייט 13)

## אינהאלט:

דינער נייעס.................................1-5
ישיבה קטנה און ישיבות לצעירים.....7-10
בית רחל נורסערי.......................18-20
בית רחל קינדערגארטן ..............21-23

די "מוסדותינו" ווערט ארויסגעשיקט פאר ביזנעסלייט תומכים.
אויב איר ווילט עס באקומען אין אייער ביזנעס דאן שיקט אריין צו דעם אדרעס:
utakjreport@gmail.com
אדער רופט אריין אין אפיס:
845- 783-5800 # 1013

## ״עטרת זקנים בני בנים״:

# נזר ״זקניך ויאמרו לך״ פרעזענטירט לכבוד צוויי זקני עדתינו שליט״א

## הרה״ח הישיש ר׳ יקותיאל הערש ווערצבערגער שליט״א
## און הרה״ח הישיש ר׳ פישל פריעדמאן שליט״א

כוואליעס פון עקסטאז און התרוממות נעמט ארום דעם ציבור, הערנדיג די מעלדונג, אז די הנהלת הישיבה האט אויף היי-יאר צוגעגרייט א זעלטענע היסטארישע פראגראם, אונטער׳ן מאטא פון ״זקניך ויאמרו לך״, מיט׳ן ווידערהאלן און שטארק ארויסברענגען ביים מעמד דאס נויטוויכטיגקייט און חשיבות פונעם מקשר זיין דעם ״היינט״ צום ״אמאל״, און גלייכצייטיג איבערגעבן דעם טיפן מעסעדזש צו די עלטערן און זיידעס, אז זיי זאלן אויסשפרייטן זייערע ארעמעס פאר זייערע אייניקלעך און משפיע זיין פון זייערע קוועלער אויפ׳ן יונגן דור.

צוליב די סיבה וועט מען אי״ה באקרוינען ביים דינער, מיט׳ן נזר ״זקניך ויאמרו לך״, צוויי חשוב׳ע זיידעס פון אייניקלעך אין מוסדותינו הקדושים, מזקני ופארי קהלתינו לאווישט״א, הלה המה, הרבני החסיד הישיש רבי יקותיאל הערש הלוי ווערצבערגער שליט״א און הרבני החסיד הישיש רבי אפרים פישל פריעדמאן שליט״א.

בלויז הערנדיג די נעמען פון די צוויי זקני העדה שליט״א באנעמט א ווארעמקייט און געפיל פון יראת הכבוד ביי יעדער סאטמארער חסיד, בפרט פונעם אמאליגן דור, פארשטייענדיג דעם טיפן באדייט פון די צוויי געהויבענע פערזענליכקייטן, וואס זענען ברילאנטן אינעם הערליכן קרוין פון די הייליגע קהילה.

ביים דינער וועט מען אי״ה האבן דעם פערזענליכן כבוד צו הערן ווערטער פון די חשוב׳ע ׳זקניך׳, אונזער שטאלץ און אונזער קרוין, וואס וועט אוודאי זיין איינע פון די שענסטע הויכפונקטן פונעם דינער.

### הרה״ח ר׳ יקותיאל הערש ווערצבערגער שליט״א

הרב החסיד ״רבי יקותיאל הערש ווערצבערגער״ שליט״א, א שם דבר אין סאטמאר! שוין עטליכע דורות בליעה״ר, אנגעהויבן מיט נאנט צו אכציג יאר צוריק אלס בחור׳ל אין די ישיבה ביים רבי׳ן אין קראלי, און שפעטער אין סאטמאר, נאכדעם ווען ער איז געזעסן מיטן רבי׳ן אינאיינעם בגי צלמות אין קלויזענבורגער געטא, און צוזאמען מיטן רבי׳ן מיטגעמאכט און געליטן פונעם זרוע רשע.

שפעטער ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע און ער איז געווארן ״דעם רבי׳נס שוחט״, און דער ראש המשוררים בחצר הקודש ובית הלוי נעימות יזמרו, וואס ער האלט אן ביז צום היינטיגן טאג לאיוש״ט.

יעדעס יאר ביי די צענטראלע סעודת הילולא פון רבי׳ן זי״ע כ״ו אב, אנגעהויבן בשנת תש״מ ביים עריכת שלחן הטהור פון ממלא מקום קודש כ״ק רביה״ק בעל ברך משה זי״ע און דערנאך ביי יבלחט״א כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק שליט״א, ווען רבי יקותיאל הערש שליט״א נעמט דעם מיקראפאן און הויבט אן זינגען דעם קאפיטל ״מכתם לדוד״, ווערט דער עלטערער דור חסידים ווי עלעקטעריזירט. רבי יקותיאל הערש מיט זיין פאטריאכאלישע ״סאטמארע צורה״, זיין ענות חן, און נעימות׳דיגע שטימע, שלעפט צוריק דעם גאנצן ציבור צו א יובל יארן, צו יענע גוטע צייטן בהלו נרו על ראשינו.

איבער די עמודים פונעם ניי-ערשינענעם ספר ״זקניך ויאמרו לך״, וואס ווערט ארויסגעגעבן ספעציעל צום דינער, אנטהאלטנדיג אן אוצר פון ערשט-האנטיגע סיפורים וואס די תלמידי המוסדות האבן מקבל געווען פון זייערע זיידעס, געפינען זיך א היבשע צאל סיפורים וואס רבי יקותיאל הערש האט דולה געווען ממעיינו און דאס איבערגעגעבן פאר די אייניקלעך און אור-אייניקלעך, שפירענדיג פאר א הייליגן חוב איבערצוגעבן פאר די ווייטערדיגע דורות, וואס ער האט זוכה געווען צו זעהן און צו הערן די אלע יארן, זייענדיג פון די געטרייסטע חסידים און עבדים נאמנים פון רבוה״ק בעל דברי יואל זי״ע ובעל ברך משה זי״ע, ויבלחט״א צו כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק שליט״א.

### הרה״ח ר׳ פישל פריעדמאן שליט״א

מיט׳ן צווייטן פרס ״זקניך״ ווערט אי״ה באקרוינט הרב החסיד ר׳ פישל פריעדמאן שליט״א. אויסער דעם וואס ר׳ פישל איז מגזע עצי התמרים לבית סיגעט, זייענדיג אן אייניקל פונעם הייליגן ייטב לב זי״ע, און א נאנטער קרוב משפחה מיט רבוה״ק זי״ע, איז ער פון די שרידי החסידים וועלכער האט נאך זוכה געווען צו פארן צום רבי׳ן זי״ע קיין אורשיווא, און האט נאך זוכה געווען אז דער רבי זי״ע איז געווען ביי זיין אין שטוב ווען ער איז געקומען אויף שבת קיין סעליש בשנת תרפ״ב, וואו די אכסניא איז געווען אין שטוב פון זיין פאטער ר׳ ארון סעלישער ז״ל.

ר׳ פישל שליט״א האט שפעטער זוכה געווען צו זיין א נאנטער תלמיד ביים רבי׳ן אין סאטמאר, וואו ער האט זוכה געווען לקבל תורה מפה קדשו עטליכע יאר. אויך נאכ׳ן קריג ווען דער רבי האט געוואוינט אין ירושלים עיה״ק, איז ר׳ פישל געווען פון די הייסע סאטמארע חסידים.

ביזן היינטיגן טאג דערציילט ר׳ פישל מיט נאסטאלאגיע, איבער די ברכות קודש וואס ער האט זוכה געווען צו באקומען אלס קינד

(פארזעצונג אויף זייט 3)

"עטרת זקנים בני בנים":

# נזר "זקניך ויאמרו לך" פרעזענטירט לכבוד צוויי זקני עדתינו שליט"א

## הרה"ח הישיש ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער שליט"א
## און הרה"ח הישיש ר' פישל פריעדמאן שליט"א

(פארזעצונג פון זייט 2)

פונעם הייליגן עצי חיים זי"ע, און ווי די צורה פונעם עצי חיים זי"ע איז אים געשטאנען פאר די אויגן אין אלע שווערע זמנים, שפירנדיג בחוש אז היינו דאהני לי' אדורכצולעבן די אלע שווערע צייטן.

זינט ער האט זיך געצויגן קיין אמעריקע בשנת תש"כ, האט ער זיך פריש מקשר געווען אינעם הייליגן רבי'ן מיט א קשר של קיימא. ער האט קיינמאל פארפעלט א טיש ביים רבי'ן, און ער איז געווען דבוק אינעם אילנא דחיי אויף א מורא'דיגן פארנעם.

ר' פישל שליט"א איז פון די עלטערע אומצאליגע אידן געדענקען ר' פישל'ן אלס גבאי פון רבי'נס בית המדרש אויף 500 בעדפארד עוו. דער אלטער בא'חנ'טער ביהמ"ד... א שטיק נאסטאלאגיע... א ים מיט זכרונות... ווער עס גייט נאר אריין אין דעם ביהמ"ד ווערט באנומען אדורך און אדורך ביז צום טיפעניש פון הארץ. דאס ביהמ"ד איז דער פארבליבענער זכר פון התייסדות סאטמאר אין אמעריקע והעמדת הדת על תילה, און ר' פישל בלייבט איינגעקריצט אין זכרון אלס דער מנצח על מלאכת בית ה'.

געווייקטע חסידים, וואס לאחר הסתלקותו לשמי מרום פון רבינו הקדוש זי"ע, האט ער זיך מדבק געווען און אנגעהאלטן אלע יארן א שטארקע התקשרות צו רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און זיך מסתופף געווען בצל קדשו אלע יארן מיט א זעלטענע הכנעה און התבטלות, וואס ווערט ווייטער נמשך ביי יבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א. ער האט ב"ה זוכה געווען מעמיד צו זיין א הערליכן דור פון אנשים חשובים, תלמידי חכמים חסידים ואנשי מעשה אויפ'ן זעלבן שיינעם פארנעם.

... בזקנינו נלך, כי חג ה' לנו!

# צענטראלע דרשה פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ערווארטעט

ברגשי קודש ובצמאון לדבר ה' קוקט דער גאנצער ציבור ארויס אויף דעם געהויבענעם מאמענט, ווען מ'וועט אי"ה - כמדי שנה בשנה - האבן די זכי' צו הערן די צענטראלע דרשה ודברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר עטרת ראשינו שליט"א.

פאר תושבי קרית יואל איז איבריג ארויסצוברענגען די ספעציעלע אהבה און התשקרות וואס דער רבי שליט"א האט צו קרית יואל בכלל און צו די אירע הייליגע מוסדות בפרט.

ס'איז א מציאות, אז טראץ וואס דער רבי שליט"א איז שטענדיג טרוד בעניני הכלל והפרט והנהגת העדה הקדושה איבער דער וועלט, זייענדיג דער תל תלפיות שהכל פונים אליו, דאך איז ער פערזענליך אריינגעטאן בכל לב ונפשו בהנהגת הקהלה והמוסדות קרית יואל, צו וועלכע ער איז מאז ומקדם צוגעבינדן באהבה עזה וקשורה.

דער רבי שליט"א באזוכט פון צייט צו צייט אין די מוסדות הק', און ער שעפט נחת דקדושה פון די געוואלדיגע הצלחה אין אלע הינזיכטן, ווי ער ברענגט דאס ארויס ביי כמעט יעדן דינער.

אזוי ווי ס'איז היי-יאר נישט געלאדענט געווארן קיין נואם הכבוד, דערפאר איז ערווארטעט, אז מען וועט אי"ה האבן די זכי' צו הערן א לענגערע דרשת חיזוק והדרכה פונעם רבי'ן אויף וואס דער ציבור קוקט אזוי ארויס דערויף.

במשך די לעצטע יארן איז די דינער-דרשות פונעם רבי'ן שליט"א פארוואנדלט געווארן אין א וויכטיגע שליסל-דרשה בעניני חינוך און אין אנדערע יסודות'דיגע ענינים וואס איז נוגע אלע עלטערן און אנ"ש תושבי הקרי', וואס האט געהאט א מעכטיגן אפקלאנג.

בואו ושמעו דבר ה'!

# זיידעס, עלטערן און קינדער קוקן ארויס אויף היסטארישע מתנה: ספר ״זקניך ויאמרו לך״

### וועט פארטיילט ווערן אי״ה פאר אלע תומכי המוסדות

אלס א פאסיגע מנחת מזכרת פון דעם הערליכן דינער השנתי ומעמד ״זקיניך ויאמרו לך״, וועט אי״ה פארטיילט ווערן די זעלטענע אינהאלטסרייכע און ווערדפולע מתנה, וואס וועט געשאנקען ווערן פאר אלע תומכי המוסדות אין די פריע דינער שעות, דער ספר ״זקנך ויאמרו לך״ ח״א.

דער נאמען ״זקניך ויאמרו לך״ איז ווארשיינליך נישט קיין נייעס פאר א גרויסע צאל עלטערן פון די תלמידי מוסדות קרית יואל, און אויך די עלטערן פון די תלמידים פון כיתות ח׳ און ט׳ בשנת תשס״ח, זענען גוט באקאנט דערמיט.

דער אינהאלטסרייכער גליון איז וועכנטליך ערשינען אין די תלמוד תורה, וואו די יונגע קינדער אין די בר מצוה יארן, האבן ברוב עמל ויגיעה זוכה געווען צוזאמצושטעלן דעם וואונדערבארער חומר פון דעם ספר.

דער ספר ״זקניך ויאמרו לך״ איז הערליך איינגעטיילט געווארן אין דריי אפטיילונגען, ווי פאלגנד:

1) מדור ״על הצדיקים״, ערשטהאנטיגע סיפורי צדיקים וואס זקני העדה האבן דערציילט פאר זייערע אייניקלעך, פון וואס זיי האבן אליינס זוכה געווען צו זעהן און מיטלעבן ביי צדיקי אמת פון פריערדיגן דור, און ביי די גדולי הרבנים וראשי הישיבות פון דער אלטער היים, ובפרט ביי רבותינו הק׳ זי״ע.

2) מדור ״על החסידים״, גאר באלערנדע סיפורים, עובדות און הנהגות, איבערגעגעבן דורך חסידים ואנשי מעשה, וואס האבן דאס אליין מיטגעלעבט.

3) מדור ״ועל זקני שארית״, ערשטהאנטיגע סיפורים וואס די חשוב׳ע ״שארית הפליטה״ אידן פארציילן, איבער זייערע מיטמאכענישן און די וואונדערליכע נסים ונפלאות וואס האט זיי באגלייט, במשך די מלחמה יארן.

דער ספר איז צוזאמגעשטעלט און באארבעט געווארן דורך די ״מערכת הכתיבה״ אפטיילונג פון די תלמוד תורה, וואס אלס טייל פון די עבודת הקודש צו לערנען מיט די קינדער שרייבן און פארברייטערן די ידיעות, ווי רביה״ק זי״ע האט אפט פארלאנגט ביי די אסיפות המלמדים, ווי אויך צוליב דעם געוואלדיגן און טיפן חינוכ׳דיגער יסוד, צו בויען א קשר צווישן די זיידעס מיטן די יונגע אייניקלעך, וואס טוט וועבן דעם גאלדענעם קייט מדור דור, האט די ״מערכת הכתיבה״ אנגעהויבן ארויסצוגעבן דעם גליון ״זקניך ויאמרו לך״, פאר דעם איינעם ציל, צו איינגעוואוינען די קינדער צו גיין צום זיידן און אים בעטן אז ער זאל עפעס דערציילן, דאס קינד זאל הערן די הייליגע ווערטער, ער זאל דאס איינקריצן אין הארץ, און אפשרייבן אויפ׳ן פאפיר, למען תספרו לדור אחרון ויעמדו למשמרת.

במשך דעם פארגאנגענעם יאר תשס״ח, איז ב״ה ארויסגעקומען נאנט צו 50 אזעלכע גליונות מיט אן ערך פון 500 מעשיות! וואו צענדליגער תלמידים האבן פארשריבן ערשטהאנטיגע עפיזאדן וואס זיי האבן צום ערשטן מאל געהערט פון זייערע זיידעס איבער זייערע רבי׳ס, פון די אבות המשפחה, און זייערע אייגענע איבערלעבענישן, מסירות נפש׳דיגע עפיזאדן, און נאך, וואס ברענגט אריין אין די יונגע הערצער יראת שמים אויף א געוואלדיגן אופן, אויסער דעם וואס עס בויעט אויף דעם והדרת פני זקן צום פריערדיגן דור, און ס׳ברענגט א געפיל פון יראת הכבוד צו אונזער טייערסטער אוצר וואס מיר פארמאגן נאך לאורך ימים ושנים טובים עד ביאת הגואל, וואס אילו לא באנו אלא בשביל זה דיינו.

דעריבער איז דאס א שטארק פריידיגע בשורה, סיי פאר די חשוב׳ע תלמידים וואס זיי האבן צונויפגעשטעלט דעם ספר, ווי אויך פאר׳ן ברייטן ציבור תומכי ונדיבי המוסדות הקדושים, וועלכע וועלן אוודאי שטארק הנאה האבן פון דעם שיינעם ספר וואס ווערט געשאנקען לכבוד דעם דינער, אלס א שטיקעלע ׳סימבאל׳ פון אן אפס קצהו פון וואס מ׳פילט אן די מוחות פון די צאן קדשים, אין צוגאב צו דאס עצם סדר הלימודים אין די ראמען פון די מוסדות הק׳.

מתן שכרה בצדה!

## עמאציאנאלער קינדער־פרעזענטאציע איבער ״זקניך״ וועט אויפשפילן הרגשים

דער עמאציאנאלער מאמענט פון אווענט וועט אי״ה זיין, ווען עס וועט געזינגען ווארן א וואונדערליכער און שטארק עמאציאנאלער פרעזענטאציע, איבער די טעמע ״זקניך ויאמרו לך״, וואס איז ספעציעל פארפאסט געווארן לכבוד דעם דינער.

די פרעזענטאציע וועט געזינגען ווערן בעז״ה דורך די טאלאנטפולע חברת ״שירה״, צוזאמען מיט עטליכע יונגע ״ילדי שירה״, וואס וועט שטארק ארויסברענגען די געפילן פון עטרת זקנים ובני בנים ותפארת בנים על אבותם, דורך א ספעציעלע אייגנארטיגע און רירנדע אופן, באגלייט מיט מוזיקאלישע אינסטרומענטן.

בית הלוי נעימות יזמרו. אין צוגאב, וועט לכבודו פונעם ״נזר זקיניך ויאמרו לך״, הרה״ח ר׳ יקותיאל הערש ווערצבערגער שליט״א, געהערט ווערן א ספעציעלן הארציגן זמר דורך זיין באליבט אייניקל, דער בארימטער חזן ובעל מנגן, הרה״ח ר׳ שמואל זאנוויל ווערצבערגער הי״ו, משמש ביהמ״ד הגדול דקהלתינו הק׳ אין בארא פארק, אליינס א תלמיד פון ״מוסדות קרית יואל״, וועלכער וועט ארויסבליגן א הערליכן ׳שטיקל׳ מיט זיין אראטארישן חזנ׳ישע שטימע, אין די באגלייטונג פון די בארימטע חברת ׳שירה׳.

ווי אלעמאל ביי אזעלכע געלעגנהייטן, איז ערווארטעט אז דער ציבור וועט זיך באטייליגן און נישט וועלן פארפאסן אזעלכע גייסטרייכע מאמענטן, און ס׳איז ערווארטעט אז די הארציגע חרוזים וחזנות וועט זיין איינע פון די געלונגענע הויכפונקטן ביים היי-יעריגן דינער.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו!

מה נעים גורלנו"ו...!

# ווערדפולע קעש גורלות פאר $250 און העכער אויפ'ן פלאץ

אזוי ווי דער פינאנציעלער מצב פון די מוסדות איז איצט שווערער ווי שווער, און די הנהלה איז קריטיש אנגעוויזן אויף די מאקסימום נדבות קעש אויפ'ן פלאץ, דעריבער איז אויך היי-יאר פראקלאמירט געווארן די בארימטע הונדערטער ווערדפולע "זילבער גורלות" און די "גאלד גורלות", וואס איז געווידמעט פאר די אלע נתבעים ונותנים, וועלכע ברענגען זייערע נדבות צום דינער, מינימום פון צוויי הונדערט און פופציג דאלער (מיט יעדע נדבה פון הונדערט דאלער און העכער באקומט מען נאך א גורל).

אין די פארגאנגענע טעג איז אנגעקומען אויף די פאסט צו אלע איינוואוינער, א קאלירפולע בראשור, אין וועלכן עס ווערט לעבעדיג געדעקט ווערן די הונדערטער ווערדפולע גורלות, ואינו דומה שמיעה לראי'.

ווי אלע יארן, וועט מען אויך היי יאר קענען אריינגיין אינעם גורל דורך באצאלן דעם גאנצן נדבה מיט א "קרעדיט קארד" אדער "הער טשעקס", וואס דאן באקומט מען אויך ראפעלס פאר'ן גאנצן סכום וואס מ'איז מנדב.

אין צוגאב וועט אויך היי-יאר פארקומען א ספעציעלער "זמן גורל", בלויז פאר'ן קומען צייטליך צום מעמד. דער גורל וועט פארקומען אויף א הערליכע זילבערנע וויין פלאש, פאר די אלע וואס ערשיינען צום דינער ביז 9:15 שארפ. אויב דער געווינער וועט אנוועזנד זיין אין זאל, וועט ער דאס באקומען אויפ'ן פלאץ.

# ברכות עד בלי די!

## השי"ת פארלאנגט אז אידן זאלן געבן זייער נדבה אינאיינעם מיט'ן גאנצען ציבור!

וזלה"ק: יראה שהם היו נותנים מעשר ותרומה, כל אחד לעצמו, אך לא רצו להתחבר עם הציבור להביא אל בית האוצר, ובאמת נהי מעשר מעשיר, כדכתיב עשר בשביל שתתעשר, מכל מקום הפוסק צדקה ברבים, ומביא מעשר לבית האוצר עם הציבור, על זה נאמר: ובחנוני נא בזאת והריקותי לכם ברכה עוד הרבה יותר עד בלי די!!!

ואם יאמר האומר די לי במה שחנני השי"ת עד כה, ואני נותן מעשר משלי בלי חברותא וצירוף ציבור, ולא יהי' לי ברכה עד בלי די, כי די לי בזה, מ"מ הוא גוזל הקב"ה כי אלו הי' גורם לעצמו ברכה עוד יותר הי' מפריש מעשר ותרומה יותר וכו', והי' יכול לעשות נחת רוח להקב"ה ע"י תוספות ברכה עד בלי די (דרשות חת"ס שבת הגדול)

דעריבער ברענגט אייער נתינה מיט'ן גאנצען ציבור אין די זעלבע צייט ברענגט איר השפעות טובות פאר אייך הרבה יותר עד בלי די.

## א קידוש השם איז!

אויב מען ציט זיך נישט ארויס ווען אידן קומען זיך צוזאם להחזקת תורה ויראה!

בהתאסף ראשי עם וקהלות הקודש לעבוד את השי"ת ומסכימים הסכמות להעמיד להם מצוות, הנה הם מקדישים את השם וכו' שהקב"ה מתעלה ומתהלל באסיפתם ועבודתם, והאיש הפורש וכו' (עי"ש דברים נלהבים, שערי תשובה לרבינו יונה שעה"ט סי' קס"ט)

דעריבער טוט זיך משתתף זיין מיט'ן ציבור און קומט פערזענליך זיך באטייליגען צו די מסיבה פון כינוס ת"ח ויראי ד' מרבה צו זיין כבוד שמים ולהגדיל תורה ולהאדירה

דעם מוצש"ק

# הזמנה חשובה

בכבוד רב הננו מזמינים בזה את כל תושבי קריתינו,
חובבי ומוקירי תורה והורי תלמידי מוסדותינו הק'

# לדינער השנתי

## ומעמד "זקניך ויאמרו לך"

שיתקיים אי"ה במעמד קהל רב

# מוצש"ק פ' וישלח

י"ז כסליו הבעל"ט
ולמס' Dec. 13

## באולם בית רחל פאראדייס

5 Israel Zupnick Drive

## בשעה 7:30

### כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

ישתתף אי"ה וישא מדברותיו

---

### נזר "זקניך ויאמרו לך"

הרה"ח
מוה"ר יקותיאל הערש
ווערצבערגער שליט"א
והרה"ח מוה"ר פישל
פריעדמאן שליט"א

### פרקי חזנות לכבוד זקינו

הרה"ח ר' שמואל זאנוויל
ווערצבערגער הי"ו
משמש דקהלתינו הק' באראַ פארק

### פינאנציעלער באריכט

הרה"ח ר' מאיר
הירש שליט"א
חבר ועד הנהלת המוסדות

### יושב ראש המעמד

הרה"ג ר' חיים אליעזר
דאווידאוויטש שליט"א
מנהל ישיבה קטנה דמוסדותינו הק'

### דראמאטישע פרעזענטאציע

ע"י "ילדי שירה"
בנושא: "זקניך ויאמרו לך"

### געשמאקע שירה וזמרה במשך פון אווענט

מיט

בכבוד רב,
הנהלת המוסדות

KIRYAS JOEL PRINTING (845) 783-9089

# ישיבה קטנה מאכט גרויס פארשריט אין יעדן געביט

## בהנהלת הרה"ג ר' חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א

דאס יאר האט זיך אנגעהויבן אין די ישיבה קטנה מיט א שטארקע הצלחה, ווען עס איז נתוסף געווארן ספסלי בית המדרש און עס איז נתרחב געווארן די גבולי הקדושה בכמות ובאיכות מיט א געוואלדיגע הצלחה.

צום ערשטן מאל היי יאר האט מען געעפענט אין די ישיבה קטנה א זעקסטע פאראלעל כיתה, צוליב דעם לחץ זה הדחק בליעה"ר ווען נאנט צו 150 תלמידים האבן געקלאפט אויף די טויערן פון די ישיבה, אריינגענומען צו ווערן אלס תלמידי הישיבה.

בראשות הישיבה שטייט דער ראש ישיבה הרה"ג פה מפיק מרגליות ר' חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א, וועלכער איז שוין פון די אויסגערופענע מרביצי תורה במוסדותינו הק' נאנט צו 15 יאר און ער האט שוין מעמיד געווען הונדערטער תלמידים הגונים בליעה"ר, און יעצט לייגט ער אריין זיינע געבענטשטע כוחות אין די תלמידי הישיבה.

די הצלחה איז ב"ה ניכר איבעראל, ווי מ'הערט דאס סיי פון די מגידי שיעור ומשגיחים, אזוי אויך פון די עלטערן, וועלכע געבן איבער אז די יונגע בחורים קומען אהיים מיט א שטארקע ערוואקסנקייט, און עס איז ניכר אז עס ווערט אריינגעלייגט כוחות אין די ישיבה, אויסצופארעמען א בחור כהלכתו, אז יעדער תלמיד הישיבה זאל וויסן און פארשטיין מה חובתו בעולמו, און וואס עס איז זיין ציהל און זיין שטרעבן אויסציוואקסן.

באזונדער רעדט מען מיט התפעלות פונעם וועכענטליכן ליל שישי שיעור וואס דער מנהל שליט"א לערנט פאר בעניני פרשת השבוע,

(פארזעצונג אויף זייט 14)



די נייע הערליכע טישן וואס זענען אהערגעשטעלט געווארן אין ישיבה קטנה עצי חיים דורך הר"ר מענדל לענעראוויטש הי"ו, איינשפארנדיג דערביי שווערע טויזנטער דאלאר





ו ישי ה ט ההאט שי ט אר ימ י ט ארטמ ט
יה רלי ר אווא י אר טמיטא וי ילאי ר ייט

# ישיבה קטנה תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

## עצי חיים - קרית יואל

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מזמור לתודה

מעומק לבינו פנימה, שיר ושבח נרימה,
קדם הני תרי צנתרא דדהבא, עוסקים במלאכת שמים באמונה,
עומדים בבית ד' יומם ולילה, עומדים הכן במסירות נאמנה שאין לתארה,
לשפץ ולשכלל היכל וחדרה, בהשכל בדעת ובתבונה, לשם ולתהלה,

### מו"ה מענדל לענעראוויטש הי"ו

### מו"ה מאיר מאלח הי"ו

הם העומדים על הפקודים,
לשכלל ולשפץ בניני המסדות בקריתנו
על כל הטוב אשר גמלנו, שלא חשכו טירחא למעננו, כאשר ניתוספו ספסלינו,
לעזרתינו עמדו נצבים, להוסיף העזרות וכיתות לימודים, כלולת מגדלים נאים, כפי ענין הבנאים,
וגם הרבו פעלים, להביא שולחנות וספסלים, למען נוכל להגביר חיילים, להרחבת לב התלמידים,
וברוב כשרתם ומרצם לא ארכו הימים, לרבות הלילות אשר היו נעורים, והכל על מקומו בשלום בימים ספורים,
וקול התורה אשר מהיכל התורה נשמעים, לזכותם נזקפים ועומדים,

וכמו כן יעלה ויבוא ברכתינו, מקרב לבינו על ראש ידידנו,
המסור למענינו, ועומד הכן לעזרתינו,
בכל עת ובכל שעה למען לא יחסר המזג בישיבתינו,

### מו"ה בצלאל חיים באש הי"ו

מנהל גשמי דישיבתינו הק'.

אשר לא נח ולא שקט בעמל ויגיעה עצומה, לסדר הכל על מכונו בסדר יפה אף נאה, בנוסף
על כל מה שעשה ועושה בכל עת ובכל שעה, לדאוג לכל פרט ופרט במסירות נפלאה , שיכל
את ידיו בזו השעה, להקל מעלינו כל התחלה הקשה, בהרחבת גבולי הקדושה,
ברכתינו תעלה עליכם, שתראו ברכה בעמליכם, ישלם השם פעליכם, ושלימה
תהי משכורתכם, שלום ושלוה בארמנותיכם, אך טוב וחסד ירדפכם כל ימי
חייכם, ותרוו נחת מלוא חפנים, מכל יו"ח, ומתוך בריות גופא ונהורא נפישא תזכו
להרבות פעלים, עדי נזכה לעלות לציון ברננים, במהרה דידן ברחמים גדולים,

כ"ד המברכים בברכה
הנהלה רוחנית

חודש כסליו:

# ישיבה לצעירים ח"א פסק'נט "מוסיף והולך"

## בהנהלת הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א

רעדנדיג מיט עלטערן וואס זייערע קינדער זענען תלמידים אין די ישיבה לצעירים ח"א, און מען פאראינטערעסירט זיך איבער וואס עס טוט זיך אינעווייניג בין כותלי בית המדרש, הערט מען אז די ישיבה פסק'עט ווי בית הילל, און מען איז מוסיף והולך אויפ'ן העכסטן און בעסטן אופן.

די ישיבה לצעירים שטייט שוין בליעה"ר לאנגע יארן אונטער די פירערשאפט פונעם ראש ישיבה הגאון רבי שלמה זאבעל שליט"א, ראש ישיבה ומו"צ דקהלתינו הק', וואס כמאז כן עתה איז ער מקדיש זיינע געוואלדיגע כוחות פאר די ישיבה, און יעדער תלמיד איז זוכה צו באקומען פונעם ראש ישיבה די פולסטע אויפמערקזאמקייט, און דער ראש ישיבה גיט זיך אפ מיט יעדן תלמיד אים אויפצובערענגען צום תכלית הנרצה.

דער סדר הלימוד אין די ישיבה איז אין מס' גיטין, וואס דאס איז איינע פון די גאר שטארקע מסכתות אינעם עולם הישיבות, און איז מלא וגדוש מיט הערליכע סוגיות. וואס דאס ווערט געלערנט אין די ישיבה לצעירים בתכלית העיון, ביי אלע סדרים, ווען א חלק ניכר ווערט געלערנט ביים שיעור עיון, אזוי ווי מ'פלעגט אלס לערנען בעומק העיון, און די איבריגע פרקים ווערט געלערנט אין די ראמען פון שיעור פשוט און שיעור בקיאות, אלעס מיט די תוספות וגדולי הראשונים.

עס איז באזונדער נתייסד געווען א חבורה מיטן נאמען "טיב גיטין", וואס איז דירעקט געצילט פאר די בחורים תלמידי הישיבה וואס לערנען די אלע פרקים מיטן ציהל צו ענדיגן די גאנצע מסכת און זיך שטעלן דערויף צום פארהער, וואס דאס נעמט אריין אלעי תלמידי הישיבה וואס קוקן ארויס אויפן ענד ציהל בלב ובנפש.

ווי אלע יאר גייט אן דעער שיעור ביי די פרייע שעות, און ערב שב"ק און שב"ק דורך הרה"ג ר' זאב בראווער שליט"א בעמח"ס הילכתא רבתא לשבתא ועוד, וואס ער לערנט פאר די איבריגע פרקים אין מסכת געיטין און ער באגלייט די תלמידים אז זיי זאלן דאס קענען ענדיגן און מסיים זיין בעתו ובזמנו.

דער שיעור שו"ע איז פון די שטארקע יסודות'דיגע שיעורי הישיבה, ווי דער ראש ישיבה אלס מורה הוראה מובהק שטעלט אויס דעם סדר לימוד הלכה, אז די בחורים זאלן זיך אויסלערנען מברר ומלבן זיין שמעתתא אליבא דהילכתא.

### פרישע מרביצי תורה שנת תשס"ט:

אלס די הרחבת גבולי הקדושה איז היי יאר אויפגענומען געווארן אלס מגי"ש, הרה"ג ר' יעקב פעלדמאן שליט"א און הרה"ג ר' יואל ברא"מ לאנדא שליט"א, וואס שטעלט זיך ארויס ב"ה אלס א געוואלדיגע הצלחה לתועלת התלמידים.

היי יאר איז דער סדר לימוד השו"ע אין שו"ע הלכות שבת דיני שיה והטמנא, וואס דאס איז ברייט בארימט אלס א שווערע מקצוע, און אין די ישיבה לערנט מען דאס בתכלית היסוד, ווען דער לימוד הייבט זיחך אן אין מס' שבת פרק כירה, און פון דארט צו די ראשונים ואחרוניפם ביזן טור ב"י און מחבר מג"א וטו"ז, אזוי לערנט מען זיך אויס דעם ריכטיגן מהלך אין לערנען שו"ע.

מזמן לזמן האבן די בחורים די געלעגענהייט צו הערן די דרשות התעוררות והתחזקות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וועלכער איז מעורר בדברים הקולעים אל השערה וואס איז שטארק עושה רושם אויף די בחורים.

הערשט די לעצטע וואך האט דער ראש ישיבה מעורר געווען און מייסד געווען א חברה "מורא מקדש" וואס איז געשטעלט אויפן נישט רעדן פארן דאווענען בכלל, און בעצם דאס נישט רעדן דברים בטלים אין ביהמ"ד, און דאס האלטן ריין בנקיות א ביהמ"ד, וואס דאס זאל זיין לע"נ די אידן וואס זענען ליידער אומגעקומען דורך רוצחים בני בליעל אין אינדיען, און זיי זענען ל"ע דער'הרג'עט געווארן אין ביהמ"ד צווישן ספרי קודש, וואס צייגט אז מ'דארף זיך מתבונן זיין און מקבל זיין קבלות טובות און החלטות אין די ענינים.

אזוי איז ב"ה די ישיבה מוסיף והולך מיט אסאך הצלחה אין יעדן הינזיכט.

# כה יתן וכה יוסיף אין ישיבה לצעירים ח"ב

## בהנהלת הרה"ג ר' זאב וואלף לאנדא שליט"א

אויך אין די ישיבה לצעירים ח"ב, ווען עס זענען נתרחב געווארן די גבולי הקדושה מיט פרישע תלמידים וואס זענען אריינגעקומען, און מען זעהט ב"ה ווי די כוחות עצומות פון די ראשי הישיבה ומשגיחים זענען עושה פירות, ווען די ישיבה שמ'ט אלס א מקום תורה וואס איז א כבוד פאר א בחור צו טראגן דעם נאמען א תלמיד הישיבה.

עס איז שוין דאס צווייטע יאר כ"י, וואס בראשות הישיבה שטייט הרב הגאון רבי זאב וואלף לאנדא שליט"א, וואס זינט ער איז אריינגעקומען אין די ישיבה האט ער אריינגעבלאזן א רוח החיים אין די תלמידים, וואס דער ראש ישיבה שליט"א במהותו איז א שטיק חיות, און ער בלאזט אריין 'ענערגיע פון חיות' אין די הערצער פון די בחורי חמד, ותהי כל הישיבה כמדורת אש, ווען דאס דאווענען און לערנען גייט צו מיט א ווארעמקייט מיט א לעבעדיגקייט און א ברען.

זינט דעם התחלת הזמן לעבט זיך אין די ישיבה אויף א געוואלדיגן פארנעם, און יעדע שטיק צייט איז חוזר וניעור מיט א פרישקייט. צבש"פ, במשך די גאנצע וואך פון פר' ויצא איז די ישיבה געווען איינגעוויקלט אין א קאך פון לימוד התורה ברציפות ווען דאס לערנען איז מוקדש לע"נ פון די נרצחים וואס זענען אומגעקומען אין בומביי, אינדיע, ביי דעם אסון נורא ר"ל.

אזוי אויך האט מען יעצט געמאכט א פעסטע חבורה לע"נ די קדושים וואס מ'האט א נאמען געגעבן "עבודה שבלב", וואס דער ציהל פון די חבורה איז צו דאווענען אויפן קול, שטייענדיג אויף איין פלאץ, און נישט אויסרעדן בשעת די תפילין ליגן אויפ'ן קאפ.

אצינד לערנט מען אין די ישיבה מס' שבועות בעיון, און עס איז דער האפענונג שטארק נאך דעם זמן צו ענדיגן די גאנצע מס' מיט די ראשונים אחרונים. וואס אינאיינוועגנס די בעלי בתים לערנען דאסב אויך אין די ראמען פון "יסודי התורה" וואס דאס העלפט די עלטערן מיטהאלטן מיט די בחטורים די שיעורי הישיבה.

אין שיעור פשוט לערנט מען דעם שיעור גמ' תוס', אין אנדערע פרקים פון די מסכת, אזוי אויך איז דא א דריטע שיעור וואס מ'לערנט דוקא פרייטאג און שבת, וואס די אלע דריי שיעורים אינאיינעם פארשפרעכן בע"ה דורכצוטון די פעסטע מסכת וואס איז א כרכא דכולה בו, אויף גאר אן ערענסטן פארנעם.

דער ראש ישיבה האט אויך איינגעשטעלט אינעם סיסטעם, אז ווען ס'קומט אן א סוגיא לערנט מען גוט אלעס דורך, אזוי ווי אין גרעסערע ישיבות, ביז'ן רמב"ם שו"ע ונו"כ. אין די וואכן האבן די בחורים געלערנט די סוגיא פון "טענו בחיטין והודו לו בשעורין", און מ'האט ארויסגעגעבן א 'קובץ' פאר די סוגיא, וואס איז געווען א שטארקער תועלת פאר די תלמידים.

נאכמיטאג גייט אן דער שיעור אין שו"ע יו"ד הל' תערובות, וואס דער מציאות האט פאראיאר ארויסגעוויזן אז דאס איז געווען גאר א שטארקע הצלחה, און דער גרעסטער טייל תלמידי הישיבה האבן זיך געלאזט פארהערן די גאנצע מקצוע וואס איז כידוע זייער בא'טעמ'ט און עס ציעט שטארק די בחורים צום לערנען.

### פרישע מרביצי תורה שנת תשס"ט:

עס זענען צוגעקומען היי יאר, די חשוב'ע מרביצי תורה ומגי"ש: הגה"צ רבי דוד דוב דושינסקיא שליט"א חדב"נ ורב דביהמ"ד אוהל פיגא, הרה"ג ר' דוד יודא זילבערשטיין שליט"א, מלפנים ראה"כ פתורא דשבתא במבצר הכוללים, און הרה"ג ר' ליפא הערשקאוויטש שליט"א, וואס האט אסאך צוגעגעבן צום כח הרוחני פון די ישיבה.

אויסערדעם איז אויפגענומען געווארן הרה"ג ר' פינחס יצחק שמאיע שליט"א אלס מנהל קנין תורה, וואס ער פארברענגט יעדן טאג עטליכע שעה אין די ישיבה, און ער באגלייט די בחורים וואס חזר'ן איבער זייערע אלטע לימודים, און ער איז מעודד אלס מער בחורים זיך אנצושליסן אין דעם פראיעקט.

# כבוד זקנים ינחלו!

מיט גרויס התרגשות, כבוד און עהרע,
וועט אי"ה פרעזענטירט ווערן ביים דינער,

מיט'ן

# נזר "זקניך ויאמרו לך"

הני תרי צנתרא דדהבא,
מפארי אנשי שלומינו ומזקני תלמידי
רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע

---

הרה"ח המפואר הישיש לאויט"א

מוה"ר **יקותיאל הערש ווערצבערגער** שליט"א

מחשובי הזקנים לתלמידי מוסדותינו הק'

---

והרה"ח המפואר הישיש לאויט"א

מוה"ר **פישל פריעדמאן** שליט"א

מחשובי הזקנים לתלמידי מוסדותינו הק'

**ועל זקני שארית עמך בית ישראל!**

# והשיב לב אבות על בנים!

לכבוד די חשוב'ע זקנים,
וועט אי"ה געזינגען ווערן

# א הערליכע פרעזענטאציע

דורך די **"ילדי שירה"**

איבער די טעמע פון

## "זקניך ויאמרו לך"

**עס לוינט נישט צו פארפאסן!**

# קחו ברכה אל תוך בתיכם!

מעמד "זקניך ויאמרו לך"

דער הערליכער אינהאלטסרייכער

# ספר

# "זקניך ויאמרו לך"

וואס אנטהאלט הונדערטער סיפורים פון זיידעס צו אייניקלעך

---

וועט פארטיילט ווערן אי"ה פאר אלע תומכי המוסדות

## ביז 10:30 אווענט

---

אזוי ווי מיר האבן געדרוקט א מספר מצומצם,
איז ראטזאם צו קומען ווי פריער,
מיר נעמען נישט קיין אחריות אויב די מתנות
וועלן אויסגיין פאר דעם אויבנדערמאנטן זמן.

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך!**

# זעלטענע שפאנונג ביי אלע אנ״ש, הורים ותומכים צום ״דינער״ לטובת ״מוסדותינו״, דעם מוצאי שב״ק

(פארזעצונג פון זייט 1)

איבער די התרגשות'דיגע טעמע פון ״זקיניך ויאמרו לך״, וואס וועט אויף לאנג געדענקט ווערן ביים ציבור.

א ברייטע ווארימע סעודה וועט צוגעשטעלט ווערן לכבוד סעודת מלוה מלכה, און דורכאויס לאנגע שעה'ן וועט דער ציבור פארברענגען אינאיינעם אין א העכסט-גייסטרייכע היימישע אטמאספערע.

במשך דעם אווענט ובפרט אין די ערשטע שעה'ן פונעם דינער, וועט מען האבן די מעגליכקייט צו הערן הערליכע פרקי שירה פון די בארימטע כאר ״שירה״, וועלכע וועלן מהנה זיין דעם עולם מיט שיינע ניגונים, ווי אויך פארזינגען די זמירות מלוה מלכה.

מיט'ן ״דבר הנהלת המוסדות״ וועט ווי אלע יארן אי״ה אויפטרעטן הרבני הנגיד המרומם הרה״ח ר' מאיר הירש הי״ו, מראשי הקהלה וחבר ועד הנהלת המוסדות והקרי', וועלכער וועט איבערגעבן א דעטאלירטע רעפעראט און א פינאנציעלער באריכט פון די מוסדות הק'.

אלס יושב ראש פונעם אווענט האט די הנהלת הישיבה היי-יאר ווידער אויסגעקליבן דער באקאנטער פה מפיק מרגליות, הרה״ג ר' אברהם חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט״א, ראש ישיבה קטנה ח״א, וועלכער איז בארימט אלס א בעל דרשן ונואם בחסד עליון, וואס זיינע טרעפליכע דרשות מיט'ן אריטארישער קראפט בטוב טעם ודעת, מאכט א שטארקן רושם.

אינאיינעם מיט אט די אלע און אנדערע הערליכע טיילן אינעם דינער פראגראם, אנטשפרעכט אי״ה דער דינער השנתי צו זיין א גאר איינגענעמער אוונט, פון עטליכע שעה קורת רוח פאר'ן גאנצן באטייליגטן ציבור.

בואו ותחי נפשכם!

# ישיבה קטנה מאכט גרויס פארשריט אין יעדן געביט

(פארזעצונג פון זייט 7)

וואס נעמט עטליכע שעות רצופות, און די בחורים זענען זיך מתענג מיט דעם שיעור ווען זיי זיצן די גאנצע צייט און הערן צו די שארפע דברי מוסר וחידוד, פלפול ואגדה, וואס זענען מעשי ידי אומן פונעם מנהל שליט״א, און זיי שרייבן דאס אפ אז זיי זאלן דאס געדענקען למען יעמדו ימים רבים למשמרת.

די פארגאנגענע וואך מוצש״ק פרשת ויצא איז, ווי אלע וואכן, אפגעהאלטן געווארן א רייכע מלוה דמלכה מיט די באטייליגונג פון אלע תלמידי הישיבה, וואו דער מנהל שליט״א האט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו רעדן צו די תלמידים בתולדות וקורות ימי ישראל, צו פארברייטערן זייערע ידיעות אין אלע ענינים וואס א סאטמארער תלמיד דארף צו וויסן.

דער ציבור וואונטשט דעם ראש ישיבה און די מרביצי תורה ״לכו בכוחכם זה ותפעלו פעלים מרובים להגדיל תורה ולהאדירה״.

אויך בגשמיות איז אונטערגענומען געווארן פארשידענע תיקונים להצלחת הישיבה. צוליב דעם גרויסן וואוקס אינעם צאל בחורים האט מען געדארפט עפענען א פרישע כיתה אינעם בנין, וואס דאס צייגט ב״ה אויפ'ן הרחבת גבולי הקדושה.

### פרישע מרביצי תורה שנת תשס״ט:

אינעם שטאב פון די מרביצי תורה איז אויפגענומען געווארן: הרה״ג ר' דוד רובין שליט״א, מלפנים ראה״כ אורחת חיים במבצר הכוללים, אלס מגיד שיעור, און הרה״ג ר' זאב אהרן פריעדמאן שליט״א אלס משגיח הישיבה, וואס דאס גיט אסאך צו פאר'ן כח הרוחני אין די ישיבה.

באזונדער האט מען לעצטנס אריינגעברענגט א התחדשות אינעם ביהמ״ד פון די ישיבה קטנה, ווען מ'האט ערזעצט אלע אלטע טישן אויף נייע הערליכע און שטארקע טישן, וואס דאס טוט שטארק צוגעבן צום הרחבת הדעת און געשמאק, ביים לערנען און דאווענען.

די טישן זענען אהערגעשטעלט געווארן דורכ'ן באגאבטן און געניטן ״מעינטענענס מענעדזשער״ פון די מוסדות, הר״ר מענדל לענעראוויטש הי״ו, און זיין מיט-ארבייטער מו״ה מאיר מיכאל הי״ו, וועלכע האבן צוגעשטעלט די טישן אויף א מייסטערהאפטן און א פראפעסיאנאלן אופן, איינשפארנדיג דערביי שווערע טויזנטער דאלאר פאר די הנהלת המוסדות, וויפיל ס'וואלט געקאסט צו קויפן די טישן, און דערצו איז די ארבעט געטאן געווארן מיט גרויס איבערגעבענקייט.

#4




על התורה:

# לעשות את כל דברי התור"ה הזאת

**רוב עלטערן וואס שטרענגען זיך אָן צו צאלן אפילו די העכסטע שכ"ל פרייזן,**
**צאלן באמת פיל ווייניגער וויפיל די ריכטיגע קאסטן פון א קינד**

**פאלגנד זענען די ריכטיגע חודש'ליכע 'קאסט פרייז' וויפיל עס קאסט א קינד "פאר די מוסדות":**

| תלמוד תורה | בית רחל | הויעך שולע |
|---|---|---|
| ק"ג ביז כתה ט': $300 | ק"ג ביז 8'טע קלאס $250 | פון 9'טע ביז 11'טע קלאס: $325 |

| בית רחל | ישיבה קטנה וצעירים |
|---|---|
| 12'טע קלאס: $380 | $600 |

## האלט פאר אייערע אויגן דעם פסק הלכה פון גדולי הפוסקים ובראשם מרן בעל מנחת יצחק זצ"ל

1) עס ליגט א חוב (אויסער דעם פליכט צו העלפן בני עניים) אויף יעדן טאטן וואס האט די מעגליכקייט, אויסצאלן די פולע קאסטן פון זיין קינד'ס שכר לימוד.

2) ווער ס'האט נישט די מעגליכקייט צו צאלן דעם פולן פרייז פון זיין קינד, דארף געבן זיין 'ערשטע צדקה געלט' אויף אויסצוצאלן דעם דיפערענץ פון זיין שכר לימוד ביז די פולע קאסט פרייז פונעם קינד אין די מוסדות. (שו"ת מנחת יצחק חלק י')

Dart Design 845.782.6558

מודעות

#5

על שלשה דברים העולם עומד

תורה עבודה גמ"ח

על העבודה:

# עבוד"ת הקודש בכס"ף ישאו!



## דעת קדשו פון רבינו הק' זי"ע!

**דוקא אינעם שווערן מצב עבודת הפרנסה, איז די ריכטיגע צייט צו שטיצן די ת"ת!**

"...ואלמלי הן פקחים היו מזדרזים לשלם כל מה שישיתו עליהם לצורך ת"ת, דוקא כעת שמצב הפרנסה בשפל המדריגה, ואם שאין להם אף על פת לחם..."

(חידושי תורה, תזריע מצורע)

**ספאנסערט א קינד וואס די עלטערן קענען נישט באצאלן שכ"ל צוליב מצב הפרנסה, ובשכר זאת וועט אייך גארנישט פעלן!**

Dart Design 845.782.6558

6#

על שלשה דברים העולם עומד




על גמילות חסדים:

צווישן די

# 1,818 בני עני'ים

## זענען פאראן אייערע אייגענע קרובים, שכנים און באקאנטע

וואס בעטן זיך צו אייך:

# עשה עמנו צדקה וחס"ד!

"העלפט אונז באצאלן שכר לימוד"!!!

# מבשרך אל תתעלם!

מיט'ן ספאנסערן א בן עני' במוסדותינו הק'

טוט איר חסד בדרך כבוד מיט אייערע נאנטע!

Dart Design 845.782.6558

# נויירסערי אפטיילונג



מנהלת: **מרת ווייס שתחי'**

קלאסן: **19**

קינדער: **400 כ"י**

געביידעס: **קאזניץ**

יארגאנג: **3-4 יאר**

ווען די קינדער פאנגען אן צו גיין אין נויירסערי, איז עס דאס ערשטע מאל וואס זיי גייען ארויס פונדערהיים. בית רחל נויירסערי אויף קאזניץ ראוד טוט צושטעלן פאר די קינדער פאר די עטליכע שעה'ן פון טאג, א צווייטע ווארימע היים.

דערפאר זענען די יסודות פון נויירסערי אראפגעשטעלט געווארן אויף דעם אופן, אז דאס קינד זאל זיך שפירן ממש אזוי היימיש ווי אינדערהיים, סיי מיט שפילצייגן און אקטיוויטעטן, און סיי מיט'ן האבן א געטרייע לערערין וואס איז ווי א מאמע צו אירע תלמידות און גיבט זיך אפ מיט יעדעס קינד באזונדער.

עס ווערן אויסגעקליבן אויסערגעווענליך-גוטע לערערינס פאר נויירסערי, ווייל אין דעם יאר ווערט געשטעלט דער יסוד פאר'ן קינד'ס ווייטערדיגן לעבן, און וויאזוי עס וועט זיין דער ערשטער יאר אזוי וועט אי"ה גיין די ווייטערדיגע סקול יארן אויפ'ן זעלבן מהלך.

אזוי ווי די נויירסערי קלאסן זענען דעם ערשטן יאר פון סקול, און די קינדער הייבן אן צו גיין אין סקול ביי 2 יאר און 9 חדשים אלט, ווערט מיט יעדן חודש נתרחב די גבולים ווען עס קומט צו א פרישע קלאס אין נויירסערי (בעיקר אין פרי-נויירסערי וואו די קינדער קומען אריין צום ערשטן מאל). אצינד זענען דא 19 קלאסן אין נויירסערי, אבער ביז ענדע פון לערן-יאר וועט עס דערגרייכן צו 25!



ואת הלחץ זו הדחק:
טייל קלאסן ווערן פלאצירט אין לאנטש-רום

צוליב דעם גרויסן און שנעלן וואוקס, הערשט ליידער א מאנגל אין פלאץ אינעם נויירסערי געביידע אויף קאזניץ ראוד. אין די לעצטע פאר חדשים פון יאר ווען עס זענען שוין דא מער קלאסן, איז מען געצווינגען אריינצושטעלן עטליכע קלאסן אינעם לאנטש-רום פונעם בנין.

דער מאנגל אין פלאץ ליגט ביי די הנהלה כסדר אויפ'ן טיש, און מ'טראכט פון פארשידענע פלענער וויאזוי צו לייזן דעם פראבלעם. במשך די יארן זענען שוין צוגעשטעלט געווארן עטליכע טרעילארס וואס האט געזאלט לינדערן דעם לחץ זו הדחק, אבער אצינד זענען שוין אפילו די טרעילארס איבערגעפילט, און דער געברויך פאר פרישע פלאץ ווערט מיט יעדן חודש מער און מער אנזעהבאר.

צווישן די פלענער האט אויך געהייסן אז מ'וועט צובויען צום עקזיסטירנדן קאזניץ בילדינג, אבער דאס וואלט געדארפט אפקאסטן אומגעהויערע גרויסע געלט סומעס, און די הנהלת הישיבה פלאגט זיך נאך דערוויייל צו פארשאפן א נדבן דערפאר, בעיקר ווייל נדבנים האלטן זיך צוריק פון מנדב זיין א בילדינג פאר קליינע נויירסערי מיידלעך, טראכטנדיג אז קיין תורה לערנט מען דאך נישט דארט און ס'איז נישט קיין שום ענין צו שטיצן דאס שפילן פון קליינע קינדערלעך.

פארשטייט זיך אז דער געדאנקענגאנג איז דורכאויס פאלש, ווייל אין דעם יארגאנג ווערן געלייגט די יסודות פאר א גוטן חינוך פאר די מיידלעך, וואס אן דעם זענען די מיידלעך נישט ראוי ארייינצוגיין אין די העכערע קלאסן. דאס איז אויסער דעם וואס מ'לערנט מיט די מיידלעך די פרשה, ימים טובים, יהדות, מדות טובות, און אנדערע זאכן וואס יעדע אידישע טאכטער דארף צו וויסן, און דאס איז פונקט ווי חומש רש"י אדער משניות ביי די יונגלעך, און ס'איז זיכער אז מ'קען זיך דערמיט איינקויפן געוואלדיגע זכותים.

אבער טראץ דעם מאנגל אין פלאץ, טוען זיך די לערערינס אנשטרענגען צוצושטעלן דאס בעסטע וואס מעגליך פאר די קינדערלעך, אז די וואס לערנען אין די פראוועזארישע קלאסן זאלן דאס ניטאמאל שפירן.

דאס קומט שטארק צו פארדאנקען פאר די מנהלת מרת ווייס שתחי', וועלכע לייגט אריין כח און מח אז אלעס זאל קלאפן אויפ'ן בעסטן פארנעם,

און די קינדער זאלן פיין פארברענגען במשך דעם טאג, און זאלן זיך שפירן אינעם סקול ממש ווי אינדערהיים.

און דער סקול פירט זיך טאקע אויף אן אויסערגעווענליכן פארנעם, וואס די עלטערן האבן גאר שטארק הנאה דערפון.

די געטרייע און געלונגענע לערערינס לייגן אריין אסאך כוחות ארויסצוברענגען דעם מאקסימום טאלאנטן פון די קינדער. מ'מאכט מיט זיי "ארטס און קרעפטס", און מ'גיבט פאר די קינדער א געלעגנהייט אליינס אויסצואַרבעטן אלעם, אליינס קלעבן און פארבן, אז ווען דאס קינד ברענגט אהיים ענדע וואך איר האנט-ארבעט, זאל עס טאקע זיין איר אייגענע האנט-ארבעט. דאס ברענגט ארויס דאס מערסטע פון זייערע כוחות און מוחות, און טוט אנטוויקלען זייערע חושים.

דער סדר הלימודים אין "נוירסערי" באשטייט פון די פרשה, מדות טובות, יראת שמים, און מ'הייבט אן צו לערנען מיט די קינדער די "אלף בית", אז זיי זאלן דערקענען און קענען זאגן די נעמען פון די אותיות.

די קינדער לערנען אויך די ברכות וואס מ'מאכט אויף יעדן עסן אדער טרינקען, ימים טובים, יהדות, הל' שבת, הל' מוקצה, און נאך און נאך.

די לימודים איבער שבת קודש זענען איינגעטיילט אויף צוויי חלקים: די גרויסקייט און הייליגקייט פון שבת, און די הלכות פון שבת.

מ'הייבט אן צו לערנען איבער ענינים פון שבת קודש, דורך א

און דער סקול פירט זיך טאקע אויף אן אויסערגעווענליכן פארנעם, וואס די עלטערן האבן גאר שטארק הנאה דערפון.
די געטרייע און געלונגענע לערערינס לייגן אריין אסאך כוחות ארויסצוברענגען דעם מאקסימום טאלאנטן פון די קינדער.




מ'גרייט זיך שוין צום יו"ט חנוכה



די קינדער פארשטייען דעם חילוק צווישן יעקב און עשיו



די ארבעט פון די קינדער אויף די פרשה



די קינדערלעך לערנען די אלף בית



מדות טובות און וויכטיגע יסודות



וועלכע ברכה מאכט מען אויף...?



די קינדער לערנען איבער די ימים טובים

שבת טיש וואס ווערט אויפגעשטעלט. יעדע וואך לערנט מען איין ענין פון שבת, און מ'לייגט דאס צו צום טיש. צב"ש מ'לערנט איבער קידוש, לייגט מען צו א בעכער אויפ'ן טיש, און די קינדערלעך הערן זיך צו צו די הלכות און ענינים פון קידוש, נישט רעדן ביי קידוש, מאכן א ברכה, וכו'. דעם קומענדיגן וואך לערנט מען פון די חלה, לייגט מען ארויף א חלה אויפ'ן טיש, מ'לערנט אויס די קינדער לויט זייער פארשטאנד אלעס איבער'ן חלה, וויאזוי מ'באקט דאס, לחם משנה, איינטינקען אין זאלץ, ביזוי אוכלים ביי חלה, און אזוי ווייטער.

דערנאך קומט דער צווייטער חלק פון שבת, וואס דאס זענען די הלכות, וואס יעדע הלכה ווערט באגלייט מיט אקטיוויטעטן. צב"ש איין וואך לערנט מען פון צובע, מ'גיבט פאר די קינדער צו פארבן פארשידענע זאכן איבער'ן וואך, און ביי יעדע געלעגנהייט דערמאנט מען זיי אז דאס אלעס איז אינדערוואכן, אבער שבת טאר מען נישט פארבן. און אזוי אויך ביי אלע אנדערע מלאכות און הלכות.



די "מצוה צעטלעך" וואס די קינדער ברענגען פון אינדערהיים, ווערט אוועקגעלייגט

אויך לערנט מען אויס פאר די קינדער נייע אותיות, קאלירן, פארמען אדער נומערן וכדומה, פארשידענע זאכן וואס שארפן אויס די מוחות פון די קינדערלעך.

די קינדער פארברענגען יעדן מינוט פון טאג מיט באלערנדע און אינהאלטסרייכע אקטיוויטעטן, און אפילו עס קען אויסקוקן ווי א "נוירסערי טאג" איז א קליינע טאג אין שעה'ן, ווערט אבער יעדע מינוט אנגעפילט מיט א תועלת, אזוי אז סוף טאג גייט מען אהיים אנגעזאפט און אנגעפילט מיט אינהאלט. פאר די מאמעס קוקט עס אפשר אויס זעקס שעה, און אויפ'ן פשוט'ן זייגער איז עס טאקע בלויז זעקס שעה, אבער אין קוואליטעט איז דאס פיל מער.

באזונדער איז איינגעפירט אז די לערערינס געבן זיך אפ מיט יעדעס קינד באזונדער, און יעדע פאר טעג פארברענגט מען מיט עטליכע קינדער באזונדער, כדי זיי זאלן באקומען זייער נויטיגע אויפמערקזאמקייט וואס פעלט זיך שטארק אויס אין דעם עלטער, און אויך ארויסצוברענגען דאס בעסטע פון זייערע כשרונות.

א שטארקער דגוש ווערט געלייגט אויפ'ן ענין פון מדות און אויפפירונג. די קינדער לערנען זיך אויס ביי א גאר יונגען עלטער וויאזוי צו זיין א "מענטש". צב"ש ביים עסן אין לאנטש-רום לערנט מען זיי אויס וויאזוי זיך אויפצופירן ביים עסן, נישט צו רעדן ביים עסן, נישט נעמען נאך א לעפל פאר מ'האט אראפגעשלינגען דעם פריערדיגן, אריינלייגן די ליידיגע טעלערס אין עסצייג אין מיסט-קאסטן, אריינרוקן דעם בענקל, און איבערלאזן דאס פלאץ זויבער און ריין. דאס ווערט געלערנט מיט די קינדער אזוי "דרך אגב", אבער וויבאלד דאס ווערט פראקטיצירט גייט זיי דאס גוט אריין אין די ביינער, און די הנהלה הערט צוריק פון עלטערן ווי שטארק דרך ארץ'דיג די קינדער עסן, און אז דאס בלייבט שוין אזוי אויך אויף די שפעטערע יארן.

די לערערינס לייגן אריין אסאך מדות אין די קינדער, לויט זייער פארשטאנד, ובפרט אינעם ענין פון בין אדם לחבירו מאכט מען זיכער אז אלע קינדער זאלן זיך שפילן אינאיינעם, קיינער זאל נישט ארויסבלייבן, יעדער זאל אנטיילנעמען אין די שפילן און יעדער זאלן האבן א חבר'טע מיט וועמען צו שפילן און פארברענגען.

די קלאסן אין נוירסערי זענען אזוי אויסגעשטעלט אז די קינדער זאלן זיך קענען שפילן. עס איז ספעציעל איינגעריכטעט מיט אזעלכע שפילערייען וועלכע העלפן אנטוויקלען דעם מח פון די קינדער, און אלע שפילצייגן זענען אויף אזא פארנעם וואס זאל ברענגען עפעס ריווח צו אנטוויקלען דעם מח פונעם קינד.

דורכ'ן שפילן אינאיינעם לערנען זיך די קינדער אויס זיך אויסצודריקן און פירן געשפרעכן מיט די אנדערע קינדער א.א.וו.

די אינהאלטספולע שפילערייען העלפן שטארק צום אנטוויקלונג פון די קינדער, און אין די זעלבע צייט פרובירט מען אריינצולייגן תורה און מדות טובות ביי יעדע געלעגנהייט, אז אפילו די צייט פון שפילן זאל אויך זיין פול מיט קוואליטעט און אינהאלט.

און ב"ה מ'קען זאגן מיט א פול מויל אז די ארבעט דערקענט זיך שטארק אויף די קינדער. די זיסע קינדערלעך האבן זייער ליב צו גיין אין סקול, אזוי ווייט אז ווען די מאמעס קומען מיט די קינדער א טאג בעפאר דאס קינד דארף גיין אין סקול, כדי זיך צו באקענען מיט'ן טיטשער און די קינדערלעך, וויל דאס קינד געווענליך נישט אהיימגיין מיט'ן מאמען... די גוטע אטמאספערע כאפט איר אריין ביים ערשטן באזוך, און זי וויל דאס נישט אזוי שנעל פארלאזן.

די בעסטע באריכט וואס מ'קען געבן איבער'ן גוטן חינוך וואס די קינדער באקומען אין "נוירסערי", איז דער שמייכל וואס מ'זעהט אויף זייערע פנים'ער ביים גיין אין סקול און ביים אהיימקומען, וואס דאס פארציילט אלעס.



די שפילערייען וואס טוען אנטוויקלען די מוחות פון די קינדערלעך



מ'קען שפילן מיט אלעס, אבער מ'דארף עס נעמען מיט די רעכטע האנט...



# קינדערגארטן אפטיילונג

מנהלת: **מרת ראטה שתחי'**

קלאסן: **18**

קינדער: **320 כ"י**

געביידעס: **בעיקערטאון, כהנא דרייוו**

יארגאנג: **4-5 יאר**

במשך די קינדערגארטן יאר ארבעט מען זייער שטארק אז דאס קינד זאל זיך גוט אנטוויקלען, און זיין גרייט צום לערנען ווען עס וועט קומען די צייט. דעריבער ווערט אין קינדערגארטן געלייגט גאר א גרויס געוויכט צוצושטעלן ווארימע, הארציגע און מוטערליכע לערערינס.

די קינדערגארטן אפטיילונג איז ווי א גארטן מיט פארשידענע ערליי בלומען און געוויקסן. יעדעס בלום דארף איר אייגנארטיגע פלעגונג, איר ספעציעל וויטאמין, זונען שיין, רעגן א.א.וו. די קינדער באקומען אן א שיעור ווארעמקייט און ליבע, וואס פעלט אויס צו זייער ענטוויקלונג.

די טיטשערס אין די יונגע קלאסן זענען ווי מאמעס צו די קינדער. די קינדער באקומען דיסיצפלין און זיי ווערן געשטעלט אויף די פיס צו קענען אנפאנגען דעם לעבן אויפ'ן ריכטיגן וועג.

מ'לערענט מיט די קינדער די פרשה פון די וואך, פאר א יו"ט די עניני דיומא, פארשידענע מדות טובות, און וויאזוי זיי דארפן זיך אויפפירן אין זייער לעבן אויף א תורה'דיגן שטייגער.

מ'לערנט אויך פארשידענע ידיעות וואס זיי קענען שוין פארנעמען, צב"ש הלכות ברכות, הלכות שבת, און בכלל הלכות פונעם טאג טעגליכן סדר החיים.

אין דעם יאר לערנט מען די צורת האותיות און זייערע קלאנגען, און מ'גייט אות ביי אות ביז זיי קענען דעם גאנצן אלף בית. די אלף בית ווערט געלערנט לויט אונזער הייליגע מסורה, אז ס'זאל זיי אריינגיין אין קאפ און זאל ווערן איינגעקריצט אין זייערע מוחות אז זיי זאלן דאס גוט געדענקען.

אויך לערנט מען כולל ענינים, נפלאות הבורא פון די סדרה, מעשיות פון צדיקים, מ'מאכט ארטס-און-קרעפטס אויף יעדן לימוד, און נאך.

א קליינע לייטער פון פרשת ויצא
די האנט-ארבעט פון די קינדערלעך



דער פונדאמענט שטייט שוין גרייט פאר'ן "לעגאו געביידע" וואס וועט דא געבויעט ווערן...









די ספעציעלע געימס וואס ווערן צוגעשטעלט אויסצו-שארפן די מוחות פון די קינדער

ברכות מאכן דארף א איד, און מען טאר דאס נישט פארגעסן, אן א ברכה טאר מען נישט טרינקען און נישט עסן...



יעדע וואך לערנט מען נאך אן אות



די קינדערגארטן קלאסן זענען אויסגעשטעלט אזוי אז די קינדער זאלן זיך קענען שפילן און גוט פארברענגען. די הנהלה האט ספעציעל איינגעקויפט אזעלכע שפילרייען וועלכע העלפן אנטוויקלען די מוחות פון די קינדער.

די קינדערלעך שפילן זיך אינאיינעם, און אזוי לערנען זיי זיך אויס וויאזוי זיך צו פירן און פארטראגן מיט אנדערע קינדער, וויאזוי צו פארברענגען אינאיינעם און זיך נישט קריגן, אוועקגעבן און נאכגעבן, וכדומה.




מ'טוט מיט די קינדער פארשידענע אקטיוויטעטן ווצב"ש פארבן, מאלן, נייען, שניידן, קלעבן, א.א.וו. וואס דאס העלפט צום אנטוויקלונג פון זייערע חושים.

באזונדער שיינט ארויס דער "עשרת הדברות" פראגראם, וואס האלט אן במשך דעם גאנצן יאר. יעדע וואך נעמט מען צוזאם אלע קינדערלעך, און מען לערנט איבער איינע פון די דברות, דורך פארשידענע אקטיוויטעטן אדער מעשיות וכדומה.

דער ציל דערפון איז איינצוקריצן אין די ווייכע






צאנק ביד גוזזים... די קליינע שערלעך וואס די קינדער נוצן צום שניידן



וכל מעשיך בספר נכתבים... די גוטע אויפפירונג פון די קינדערלעך ווערט פארשריבן אינעם גאלדענעם בוך...





א צייט צו שפילן און א צייט צו פארברענגען



אלעס איז גרייט צום פארבן

תמימות'דיגע הערצעלעך א פעסטע און טיפע אמונה אין השי"ת און תורתינו הק' אויף שטענדיג.

כדי מקדים צו זיין יעדע פון די דברות, שיקט מען אהיים מיט די קינדער א מעשה, וואס פילע ווערטער ווערן ערזעצט מיט א בילד, כדי דאס קענען זאל קענען מיט"ליינען" מיט אינטערעסע און בעסער געדענקען, ווי די ווערלט זאגט אז א בילד רעדט מער ווי טויזנט ווערטער.

ווי אויך הייבט מען שוין אן צו נייען, וואס דאס איז א שטארקע יסוד פאר א אידישע מאמע, און העלפט צו אנטוויקלען און פארשטארקען די "פיין מאטאר סקילס" פון די קינדער. די קליינע קינדער נייען גאבליינס וואס זיי טראגן אהיים ענדע יאר א פארטיגע גאבליין, פון וואס זיי און די עלטערן האבן שטארק הנאה.

א ספעציעלע געוויכט ווערט געלייגט אז די עלטערן זאלן מיטהאלטן מיט די אקטיוויטעטן אין שולע. יעדע וואך ווערט אהיימגעשיקט א בראשור וואס דאס קינד האט געלערנט דורך די וואך.

ווי אויך האלט מען אן א קשר מיט די מאמעס דורכ'ן שיקן פארשידענע ארטיקלען און אויפקלערונגען איבער די קינדער אין דעם יארגאנג, וויאזוי זיך אומצוגיין מיט זיי, אז זיי זאלן באקומען א געמיינזאמען גוטן חינוך דורך די לערערינס און די עלטערן צוגלייך.

די קינדער ווערן געמוטיגט צו ברענגען יעדע וואך א "מצוה צעטל", וואס דאס טוט צופלייסן דאס קינד זיך אויפצופירן גוט אינדערהיים, אויסערדעם וואס דאס איז א געוואלדיגע חיזוק פאר'ן קינד אז די לערערין לייענט פאר הויך פאר די גאנצע קלאס וואספארא מצוות זי האט געטון אינדערהיים, וואס דאס גיבט איר חשק אנצוגיין ווייטער אויף דעם וועג.










אזוי ווי אין אלע קלאסן, מאכט מען אויך אין קינדערגארטן א PTA, וואו די עלטערן הערן א באריכט וועגן די קינדער, אבער אין קינדערגארטן איז איינגעפירט אז די מאמעס קומען אראפ אין קלאס, וואו זיי טרעפן זיך מיט די קינדער און מיט די לערערינס, מ'זעהט וואו אלעס איז, וויאזוי די לימודים גייען צו, די אקטיוויטעטן, און מ'באקענט זיך פון דער נאנט מיט'ן הלוך ילך פון די קינדערגארטן אפטיילונג.

אינמיטן יאר מאכן די קינדער א פלעי, וואו די מאמעס און באבעס קומען שעפן נחת פון די טאלאנטן פון די קינדער.

# זכרונות פונעם יערליכן דינער

## פארגאנגענעם יאהר תשס"ח:

## דינער השנתי לטובת מוסדות קרית יואל



כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר שליט"א ביי די דברות קודש



פרס "נזר מצדיקי הרבים" הרה"ח ר' מרדכי הערשקאוויטש שליט"א,
מלמד תשב"ר זה רבות בשנים, ביי זיין הארציגע אויפטריט



הרה"ח ר' דוד מרדכי מייזעלס ז"ל לאנגיעריגער יו"ר פון שכר
לימוד קאמיטע. ביי זיין לעצטע דרשה לטובת די מוסדות הקדושים



ביים איבערגעבן די נדבות פאר די עסקנים



טייל פונעם ריזן ציבור ביים דינער ומלוה מלכה

**תושבי קרית יואל: כולם נקבצו ובאו לדינער השנתי ומעמד "זקניך ויאמרו לך"**
**מוצש"ק פ' וישלח הבעל"ט**
**בהשתתפות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א**
**באולם בית רחל פאראדייס - בשעה 7:30**

לכבוד די צוויי חשוב'ע מקבלי 'נזר זקניך ויאמרו לך', טוען מיר דא בייליגן דעם וועכנטליכן גליון 'זקניך' פון די היינטיגע וואך
וואס אנטהאלט אויך צוויי מעשיות פון די חשוב'ע זקנים שליט"א

# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון נ"ה – וישלח תשס"ט לפ"ק | כיתה ח' ט'

תקסו) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' פישל פריעדמאן הי"ו

איך האב ב"ה זוכה געווען צו לערנען ביי רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע אין די ישיבה אין סאטמאר בשנת תרצ"ה. מיין טאטע הרה"ח ר' ארון סעלישער ז"ל איז געווען א תלמיד פונעם קדושת יו"ט זי"ע, און זיין טאטע הרה"ח ר' יודא לייב ז"ל פון קישניצא, איז געווען א תלמיד מובהק פונעם ייטב **לב** זי"ע.

רבי יודא לייב האט געלאזט א צוואה בזה"ל "תיכף לאחר פטירתי יודיעו לאדמו"ר מאורשיווא", ד.מ. רביה"ק זי"ע וועלכער איז דעמאלטס געווען רב אין אורשיווע.

ווי באקאנט האט מען געזעהן ביים רבי'ן זי"ע א אינטערעסאנטע עבודה ביים טיש. געווענליך האט דער רבי נישט געמאכט קיין עסק אויב מ'האט געשמועסט ביים טיש, נאר ביים עסן די פיש פלעגט ער צומאל קלאפן אויפן טיש, און שרייען "שא, שא", און דעמאלטס פלעגט ווערן שטיל. אבער ערליכע אידן האבן געזאגט אז מ'דערקענט אז דער רבי האט דא באזונדערע כוונות מיט דעם וואס ער מאכט שטיל ביים עסן די פיש.

איך געדענק איינמאל ווען איך האב געלערנט ביים רבי'ן אין די ישיבה, איינמאל פרייטאג צונאכטס ביים טיש האט דער רבי אנגעהויבן צו שרייען "שא, שא", אבער נאכדעם האט ער זיך זייער צוקאכט שלא כהרגלו, און ער האט אנגעהויבן צו שרייען "איך ברויך קיינעם נישט האבן דא", און דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט ווי ער טרייבט ארויס דעם עולם, און יעדער איז זיך צולאפן פאר פחד. שפעטער האט זיך דער רבי אראפגעזעצט און ווייטער געפירט דעם טיש, אפילו ווען עס איז געווארן א גרודער האט דאס דעם רבי'ן נישט געשטערט. ומי יבא בסוד ה' ליראיו.

ווען איך בין געווען אין די מלחמה יארן אין פינסטערן לאגער איז דארט נישט געווען צו עסן און נישט צו טרינקען, און נישט קיין געהעריגע מלבושים, איינמאל בין איך געגאנגען מיט מיין חבר ר' משה סטרולאוויטש ע"ה צו א ערלית און איר געבעטן צו עסן און מלבושים, און מיר האבן איר צוגעזאגט בשכר זה וועלן מיר איר געבן פארשידענע סחורות וואס מיר האבן געהאט מיט זיך אין לאגער.

אינמיטן קומט אריין איר מאן, א נאצי רוצח, און ווען ער זעהט אונז האט ער אונז באלד ארויסגעפירט אין הויף מיטן ציהל אונז צו שיסן ר"ל.

אין די לעצטע מינוט האט זיך צושריגן א ערלית פון די צווייטע הויף "נישט שיסן! נישט שיסן!". דער גוי האט זיך דערשראקן און אונז פריי געלאזט. עד היום ווייס איך נישט ווער עס איז געווען יענע ערלית.

ביי די מלחמה יארן האב איך די גאנצע צייט נאר געטראכט פונעם רבי'ן, עס איז באמת נישט אריבער קיין איין טאג וואס איך האב מסיח דעת געווען פונעם רבי'ן.

נאך די קריג איז געווען זייער שווערע צייטן, אסאך אידן זענען נישט בייגעשטאנען די ביטערע נסיונות, דאס הפקרות איז געווען עד אין לשער, איך האב זיך געהאלטן פעסט נאר מיט די מחשבה אז "נישט פאר דעם האב איך געדארפט לערנען אין סאטמאר און זיין א תלמיד פון רבי'ן", מיט דעם האב איך ב"ה דורכגעשוויצט די שווערסטע זמנים און ביטערע נסיונות.

גלייך נאכן קריג בין איך געווען אין פאריז, דארט האב איך זיך געטראפן מיט מיינע געשוויסטער, אבער ווי נאר איך האב געהערט אז דער רבי איז אין ארץ ישראל, האב איך איבערגעלאזט די גאנצע משפחה, און איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

אבער אנקומענדיג נאנט צו ארץ ישראל מיט א אומלעגאלע שיף האבן אונז די ענגלענדער פארשיקט אויף עטליכע וואכן קיין קפריסין, ווען איך בין ענדליך אנגעקומען קיין ארץ ישראל, חודש אלול תש"ו, בין איך געוואויר געווארן אז דער רבי איז פונקט איין טאג פריער אוועקגעפארן פון ארץ ישראל קיין אמעריקע. (אהרן

אלעזר הלוי רובינפעלד, דוד יואל אויש)

תקסז) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' יקותיאל הערש הלוי ווערצבערגער הי"ו

נאך די קריג בין איך געפארן צוריק קיין אונגארן, איך האב חתונה געהאט אין טעמעשוואר, שפעטער בין איך געווען א שטיק צייט אין קראלי, שפעטער אין קאשוי, און דאן בין איך אנגעקומען קיין פראג.

דארט אין פראג איז דער קאנסול געווען א גוטער מענטש, און אסאך אידן וואס האבן געוואלט פארן קיין אמעריקע זענען געפארן מאכן א וויזע אין פראג.

איך האב נישט געהאט מיט מיר גארנישט, איך האב נישט געהאט מיט מיר קיין שום שריפטן, איך בין נישט דארט געווען לעגאל, פארשטייט זיך אז איך בין געווען זייער דערשראקן, און איך האב נישט געוואוסט וואס צו טוהן, איך האב נישט געהאט קיין וועג ארויס.

איך האב געהאט געהערט אז מען זוכט א שוחט אין בעלגיען, בריסל. ר' אלימלך פראנקפורטער הי"ו איז געווען מיט מיר אין די לאגערן, און ער האט דארט געוואוינט, ווען ער איז געקומען קיין טשעכיי האט ער מיר דערציילט אז מ'זוכט דארט א שוחט. אבער איך האב נישט געהאט קיין שום וועג זיך ארויסדערזעהן פון דארט, און איך בין געווען שטארק צובראכן.

איין נאכט האב איך געהאט א חלום ווי איך טרעף מיך מיטן רבי'ן מרן **בעל דברי יואל** זי"ע, און איך רעד מיך זייער שטארק אויס דאס הארץ פארן רבי'ן, און איך זאג אים אז איך קען דא נישט בלייבן און איך בין ממש אין א סכנה, און א וועג ארויס איז אויך נישט דא. און אויב איך וועל האבן א וועג ארויס קיין בעלגיען קען איך דארט האבן א פאסטן אויך.

זאגט מיר דער רבי "הער אויס, פאר פופציג דאללער וועסטו קענען פארן קיין בעלגיען", אזוי האט מיר דער רבי געזאגט, איך האב דאס געהערט אזוי קלאר.

ווען איך בין אויפגעשטאנען אינדערפרי, האב איך דערציילט דעם אינטערעסאנטן חלום פאר מיין שווער הרה"ח ר' אברהם ווערצבערגער ע"ה וועלכער איז מיט מיר מיטגעפארן באגלייטן אויפן גאנצן וועג, און איך האב אים געפרעגט צי מ'קען אפשר עפעס פרובירן דורך הרב פארהאנד ז"ל וועלכער איז דאן געווען דער רב אין פראג. ער איז געגאנגען פרובירן, אבער מען האט נישט געקענט אנקומען אין ערגעץ נישט.

מיין שווער איז אינצווישן אהיימגעפארן, און איך בין געבליבן אין פראג. דער קראסנער רב ז"ל איז אויך דארט געווען, ער איז געווען אויפן וועג צו די לאגערן אין דייטשלאנד. האב איך געקלערט אז איך וועל אויך פארן קיין דייטשלאנד צו די די. פי. לאגערן, וואס אהין איז יא געווען א מעגליכקייט אנצוקומען.

ווען איך בין אנגעקומען קיין דייטשלאנד האב איך דארט געטראפן ר' יאסל ווייס ע"ה, ער איז נאך געווען א בחור, און ער זאגט מיר אז פארט קיין אנטווערפן לערנען ביים פאפער רב ז"ל, וועלכער האט דעמאלטס געהאט א ישיבה אין אנטווערפן. פרעג איך אים ווי אזוי פארסטו אהין, זאגט ער מיר אז דא איז דא א איד, מייזנער ע"ה, ער פארשאפט פאר יעדן שריפטן. און זונטאג פארט ער אריבער צו דעם איד איבער זיינע שריפטן. האב איך אים געפרעגט צי איך קען מיט אים מיטגיין, האט ער מיר געזאגט אדרבא, איך קען מיטקומען מיט אים.

ווען איך בין אנגעקומען צו דעם מייזנער האב איך אים דערציילט אז איך קען האבן א פאסטן אין בעלגיען אלס שוחט, אבער איך האב נישט קיין שום מעגליכקייטן ארויסצופארן ווייל איך האב נישט קיין שריפטן אפשר קען ער מיך העלפן. האט ער מיר געזאגט אז ער קען מיר נישט העלפן ווייל ער קען נאר פארשאפן שריפטן פאר בחורים וואס פארן אהין לערנען אין די ישיבה, ווייל זיי שיקן אים די פאפירן וואס זענען נויטיג, אבער אלגעמיינע שריפטן קען ער נישט פארשאפן.

איך האב זיך געשטעלט דאווענען דארט, עס איז נישט געווען קיין מנין, האב איך געדאווענט ביחידות. פלוצלונג קומט ער אריין צו מיר אינמיטן דאווענען און ער

זאגט מיר "הער א אינטערעסאנטע זאך, עס קומט איצט אריין צו מיר איינער און ער זאגט אז ער האט צו פארקויפן א וויזע פאר א מאן מיט א פרוי, אזא געוואלדיגע מציאה, פופציג דאללער בעט ער דערפאר".

איך בין געווארן אזוי נתרגש, און איך האב אים געזאגט "איך מוז אייך עפעס דערציילן" און איך האב אים דערציילט דעם גאנצן חלום.

איך האב נישט געהאט ביי מיר קיין פופציג דאללער אויך נישט, נאר מיין ווייב האט געהאט עפעס צירונג, וואס זי האט פארקויפט פאר עטליכע און פופציג דאללער, אזוי האב איך געקענט אפקויפן די וויזע, און עס איז מיר נאך געבליבן אויף די שפעזן, אז איך האב געקענט ארויספארן קיין בעלגיען. וואו איך בין געווארן אויפגענומען אלס שוחט אין די דארטיגע אידישע קהלה, ביז ווען איך האב באקומען שריפטן צו פארן קיין אמעריקע. (יואל יושע הלוי ווערצבערגער, חיים אברהם הלוי ווערצבערגער, משה יוסף בערקאוויטש, אברהם מרדכי גרינפעלד)

## תקסח) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' אליקים יודא גרינוואלד ע"ה

ביי די צווייטע וועלט מלחמה האט מען אים אוועקגענומען צו שווערע ארבעט עבודת הפרך, און ער האט מיט מסירות נפש מיטגעשלעפט מיט זיך זיין רוק-זאק וואס אין דעם איז געלעגן זיינע תפילין.

איינמאל קומט צו צו איהם אן אפיציר א גרויסער רשע און ער זאגט איהם "גיב אהער דיין רוק-זאק", דער זיידע האט נישט געהאט קיין ברירה ווייל דער רשע האט איהם געקענט שיסן אויף די מינוט. דער רשע הייבט אן אויסצופאקן זיינע זאכן, און ווען דער רשע האט געטראפן דעם טלית האט ער דאס ארויסגענומען און אויסגעשאקלט, און געמאכט דערפון א געלעכטער. נאכדעם האט ער ארויסגענומען די תפילין און אראפגעדרייט די רצועות און געלאכט דערפון.

דער זיידע האט דאס נישט געקענט צוקוקן איז ער צוגעשפרונגען צו איהם און געגעבן א שריי "רבונו של עולם, דער רשע נעמט צו מיינע תפילין און ער איז זיי מבזה", און ער האט ארויסגעכאפט די תפילין פון זיינע הענט.

כאטש ער וואלט אין די רגע געקענט געשאסן ווערן דורכן רשע, איז געווען א נס אז דער רשע איז אוועקגעגאנגען און האט איהם גארנישט געטון (וואלף פייערשטיין, אליקים יודא קראוס, אליקים יודא, אברהם שלום גרינוואלד)

## תקסט) עס האט דערציילט אונזער זיידע-עלטער זיידע
## הרה"ח ר' הערשל קויפמאן ע"ה

זייענדיג אין די מלחמה און עס האט זיך דערנענטערט דער יו"ט סוכות, האט ער מיט זיינע חברים געהאט שטארק חשק צו קענען מקיים זיין מצות סוכה, אבער אזוי ווי זיי האבן אסאך ארומגערייזט פון איין פלאץ צו די צווייטע, האבן זיי נישט געהאט קיין געלעגענהייט אויפצושטעלן א סוכה און קענען עסן אין די סוכה.

איינמאל אינמיטן סוכות האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין א וואלד, און מ'האט אויסגערופן אז מ'גייט דא ווארטן א האלבע שעה, זענען עטליכע בחורים באלד געלאפן אין וואלד און געקלויבט האלץ פאר די סוכה ברעטער מיט צווייגן און גראז פאר די סכך, אזוי אז ביז פינף מינוט איז געווען אויפגעשטעלט א סוכה. יעדער פון די גרופע האט געכאפט זיין שטיקל ברויט און מ'האט געמאכט א רייע יעדער איז געשטאנען איינער אונטערן צווייטן מ'האט געמאכט א המוציא מיט א לישב בסוכה, און מ'האט געגעסן א כזית און געלאזט פלאץ פאר א צווייטן.

ביז א האלבע שעה ווען מ'איז ווייטער געפארן האבן אלע אידן שוין געהאט אריינגעכאפט מקיים צו זיין די מצוה פון עסן אין די סוכה, און אין די ביטערע צייטן איז מען געווען מלא שמחה אז מ'האט זוכה געווען מקיים צו זיין א מצוה בגי צלמות. (זיין יארצייט איז געווען די וואך מאנטאג וישלח י"א כסלו, צבי ב"ר נתן נטע ע"ה).(יוסף ארי' קויפמאן, שלום יצחק ווידער, ישראל שלום טייטלבוים, ישראל שלום מארקאוויטש)

## תקע) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע - עלטער פעטער
## הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא הלוי מאנן שליט"א

איך האב זוכה געווען צו קענען הגה"ק רבי אברהם שלום האלבערשטאם זצ"ל דער סטראפקוב'ער רבי, א זון פון הייליגן שינאווער רב זי"ע. ווען ער איז געווען אויף צוויי שבתים ביי אונז אין נירעדהאז. ער איז געווען א איש קדוש מאד, אבער ער האט זייער וואונדערליך באהאלטן זיין קדושה אונטער א שלייער פון פשטות.

דער סטראפקוב'ער רב האט לעת זקנותו חתונה געהאט בזו"ש, און ער האט מיט איר געהאט א פלא'דיג קינד, יום טוב ליפא, דאס קינד האט ביי די צוועלף יאר באוויזן מופתים... ער איז ליידער אומגעקומען ביי די קריג נאך פאר די בר מצוה.

די מעשה איז געווען אז די פרוי איז געקומען צו איהם נאך א ישועה, און זי האט געוויינט פארן סטראפקוב'ער רב אז זי זוכט א שידוך, זי איז שוין אלט געווען פערציג יאר, האט ער געפרעגט "איך בין שלעכט?", זי איז שטיין געבליבן, און דאן האט זי געזאגט אז "אויב דער רבי וועט מיר פארשפרעכן דורות בין איך מסכים", האט ער איר מבטיח געווען אז זי וועט האבן קינדער.

זי האט טאקע געהאט דעם איינעם אינגל, ער פלעגט מחדש זיין חידושים נפלאים. ר' ישעי' וויינפעלד ע"ה, ער האט געדאווענט מיט אונז דא אין סטראפקוב, ער פלעגט דערציילן פון דאס קינד אותות ומופתים.

דער סטראפקוב'ער רב איז געווען א גרויסער פשטן, עס איז געווען א איד ר' משה אליעזר כ"ץ ז"ל (דער פאטער פון ר' אברהם ע"ה ויבדלחט"א ר' שלמה הי"ו) ער איז געווען א גרויסער סטראפקוב'ער חסיד, און ווען דער סטראפקוב'ער רב איז געווען אין נירעדהאז איז ער איינגעשטאנען ביי איהם אין שטוב. (ער איז געווען ממש בידידות מיט מיין ברודער ר' יושע ע"ה ווי א ברודער).

דעמאלטס ווען דער סטראפקובער רב איז געווען אין נירעדהאז איז זיין רביצין געווען ביי אירע עלטערן אין קליינווארדיין, און אינמיטן די וואך האט זי געדארפט אנקומען מיט די באן קיין נירעדהאז, און פון דארט ווייטער פארן. רופט זיך אן דער סטראפקוב'ער רבי צו ר' משה אליעזר מיט א מורא'דיגע פשטות "מיין ווייב דארף אנקומען מיט די באן פון קליינווארדיין, איך וויל גיין צו די באן איר ווייזן דעם וועג וואו צו גיין".

זאגט ר' משה אליעזר "דער רבי זאל זיך נישט זארגן איך וועל שוין מסדר זיין אז די רביצין זאל אנקומען אהער". דער סטראפקובער רב האט אנגעהויבן צו שרייען "וואס? דו וועסט גיין קעגן מיין ווייב? דו זאלסט נישט גיין קעגן מיין ווייב! וואס האט א מאן צו גיין אפווארטן ווייבער?!", אזוי האט דער סטראפקוב'ער רב געשריגן. ביז ווען ר' משה אליעזר האט איהם פרובירט צו בארוהיגן "רבי, נישט איך וועל גיין, איך וועל שיקן מיין ווייב זאל גיין", דעמאלטס האט זיך דער סטראפקובער רב בארוהיגט. אזוי איז געווען פלאי פלאים זיין פשטות'דיגע הנהגה.

ווען מיר זענען געגאנגען צום טיש איז שוין געווען געענדיגט דער טיש, דער סטראפקוב'ער רב איז אריינגעקומען צום טיש, און ער האט געיאגט די סעודה זאגנדיג "יאך בין הונגעריג"... און ווען דער עולם איז געקומען איז דער טיש שוין געווען פארטיג.

ווען איך בין אנגעקומען קיין אמעריקע האב איך געוואוינט בשכינות מיט סטראפקובער רבי'ן הגה"ק רבי מענדל'ע זצ"ל, ער איז שוין דעמאלטס געווען זייער שוואך, און ער איז שוין נישט אריינגעקומען צום דאווענען אין ביהמ"ד.

איינמאל ביי שלש סעודות בין איך אריינגעגאנגען צו איהם אין שטוב, ער האט מיך מכבד געווען מיט "ברוך קל עליון". (אליעזר הלוי מאנן, משה דוד דאווידאוויטש, יואל זאבעל, אליעזר זאבעל, בנימין יוסף מאיר טעללער, נטע מאיר דאווידאוויטש)

## תקעא) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' אשר לעמל לאנדא ע"ה

ער האט חתונה געהאט מיט מיין באבע ע"ה די טאכטער פון ר' יצחק דוד אדלער ע"ה פון די שטעטל דיאנדאש, און נאך די חתונה האט ער זיך דארט באזעצט. איין טאג גייענדיג אין גאס טרעפט איהם דער פאליציי שעף פון די שטאט און פרעגט איהם "ווער ביסטו?" האט מיין זיידע געענטפערט "איך האב יעצט חתונה געהאט, איך וואוין דאהי". "קום ארויף אין מיין אפיס" האט אים דער פאליציי שעף געהייסן.

אין אפיס האט ער מיר געפרעגט "האט איר בירגער רעכט?", האט מיין זיידע געזאגט אז יא. און ער האט געהייסן אז ער זאל גיין ברענגען זיין בירגער רעכט.

דער פאליציי שעף קוקט אהער און ער באטראכט עס פון אלע זייטן, און ער זאגט אים "דו מוזט זיך אוועק ציעהן פון די שטאט, די אידן וואס וואוינען דא האב איך נישט קיין ברירה און איך מוז זיי פארטראגן, אבער איך וויל שוין נישט קענען קיין נייע אידן".

מיין זיידע האט נישט געהאט קיין ברירה און ער איז אריבערגעגאנגען וואוינען קיין מישקאלץ, ער האט דארט פרובירט צו מאכן א געשעפט און טון פאר פרנסה, אבער ער האט נישט מצליח געווען, און ער האט פארלוירן זיין געלט וואס ער האט באקומען אלס נדן פון זיין שווער.

ער פלעגט פארן אויף די ימים טובים צו זיין טאטן אויף דעברעצין, און זיין טאטע האט אים געבעטן אז ער זאל דארט בלייבן וואוינען נעבן איהם, ער האט טאקע אזוי געטון און ער האט זיך געצויגן קיין דעברעצין, און א דאנק דעם איז ער ניצול געווארן פון די רשעים, און ער איז געבליבן לעבן. אזוי האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס וואס דער פאליציי שעף האט אים פאריאגט פון דארט איז געווען השגחה פרטית, און דאס האט אים געראטעוועט דאס לעבן. (יואל זאבעל)

בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען

## בנוגע דעם מעמד "דינער השנתי"

## דעם מוצש"ק אין "בית רחל פאראדייס"

- **בחורים און קינדער, בשום אופן נישט ערלויבט**

אזוי ווי די פלעצער ביים דינער איז זייער באגרעניצט, און יעדע זיץ איז רעזערווירט פאר די תומכי המוסדות, דעריבער וועלן בחורים און קינדער בשום אופן 'נישט' קענען אריינגעלאזט ווערן אין זאל. ספעציעלע סדרנים וועלן דאס פארסירן!

- **זמן גורל**

אלע משתתפים וואס וועלן אנקומען אין זאל ביז 9:15 וועלן אריינגיין אין א ספעציעלער גורל אויף א הערליכע זילבערנע "וויין פלאש", וואס וועט אויסגעראפעלט ווערן ביים דינער.

- **אתקינו סעודתא**

א געשמאקע און רייכע סעודה רחבה רבתי וועט סערווירט ווערן, באגלייט מיט "חמין במוצאי שבת".

- **טראנספארטאציע**

פאר'ן באקוועמליכקייט פונעם ציבור, וועלן קורסירן באסעס אין גאנצן שטעטל, יעדע 15 מינוט "אהין און צוריק", אנגעהויבן פון 7:30, אויפצונעמען דעם עולם.

אזוי ווי דאס פארקינג פלאץ ארום דעם זאל איז זייער באגרעניצט, איז ראטזאם צו קומען ענדערש מיט די באסעס.

- **פארקינג פלעצער**

עס וועט זיין צוגעשטעלט פארקינג פלעצער נעבן זאל, די מאקסימום וויפיל עס איז מעגליך.

מיר בעטן די אלע וואס קומען מיט די קארס, זאלן זען אויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די "פובליק סעיפטי" באאמטע, און קאאפערירן מיט פארשטענדעניש.

- **ושננתם לבניך / אבות ובנים**

צוליב דעם דינער לטובת אונזערע קינדער שיחיו, בעט מען די חשוב'ע עלטערן שיחיו זיי זאלן משנה 'מקום' זיין און קומען פערזענליך שטיצן דעם חינוך הטהור ולימוד התורה פון אייערע טייערע קינדערלעך!

עס איז די גרעסטע חינוך פאר די קינדערלעך, ווען איר זאגט זיי אז איר גייט צום דינער און שטיצן די הייליגע מוסדות הק' וואו זיי לערנען תורה הק'! דערמיט זענט איר ריכטיג מקיים "ושננתם לבניך ודברת בם".

- **קרעדיט קארד/העד טשעקס**

די וואס באצאלן אויפ'ן פלאץ מיט העד-טשעקס, אדער גיבן א קרעדיט קארד אויף יעדן חודש במשך פון יאר, זענען אויך בארעכטיגט אריינצוגיין אינעם גורל, און ס'איז גערעכנט כאילו זיי צאלן יעצט אויס דעם גאנצן סכום.

**ביטע אויספאלגן די אלע אנווייזונגען פאר די הצלחה פונעם דינער**

בכבוד רב

**הנהלת המוסדות**

בס"ד

מתנה



דער הערליכער אינהאלטסרייכער ספר

# "זקניך ויאמרו לך"

וואס אנטהאלט הונדערטער עובדות וסיפורים,
וואס די חשוב'ע זיידעס האבן פארציילט
פאר זייערע אייניקלעך, תלמידי מוסדותינו הק'

**וועט פארטיילט ווערן אי"ה פאר אלע תומכי המוסדות**

## ביז 10:30 אווענט

**אזוי ווי מיר האבן געדרוקט א מספר מצומצם,**
**איז ראטזאם צו קומען ווי פריער.**
מיר נעמען נישט קיין אחריות אויב די מתנות
וועלן אויסגיין פאר דעם אויבנדערמאנטן זמן.

## דעם מוצש"ק

בשעה 7:30
**בית רחל**
**פאראדייס**

זמן גורל



**אלע משתתפים ביים דינער**

# ביז 9:15

וועלן אריינגיין אין א ספעציעלן

## "זמן גורל"

אויף א הערליכע

# זילבערנע "וויין פלאש"

**וואס וועט אויסגעראפעלט ווערן ביים דינער!**

HAMOER@gmail.com 845.669.6133